# ידיעות פֿון ייִוואָ

נומער 121 — פֿרילינג 1972

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט, 1048 פֿינפֿטע עוועניו, ניו־יאָרק, נ״י 10028

## אַ יאָרהונדערט ייִדישע וויסנשאַפֿט

### אינהאַלט פֿון די רעפֿעראַטן אויף דער 46סטער יערלעכער קאָנפֿערענץ פֿון ייִוואָ

די הײַיאָריקע ייִוואָ־קאָנפֿערענץ, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין די טעג פֿון 7טן — 10טן מײַ אין ניו־יאָרק, האָט געהאַט ווי איר צענטראַלע טעמע „אַ יאָרהונדערט ייִדישע וויסנשאַפֿט". ווי אַן אויסגאַנגפּונקט איז גענומען געוואָרן דאָס יאָר 1872, ווען אַבֿרהם גײַגער האָט אין בערלין פֿאַרלייגט די „האָכשולע פֿיר די וויסנשאַפֿט דעס יודענטומס", וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פֿון „חכמת־ישׂראל". די רעפֿעראַטן זײַנען דער עיקר געווען קאָנצענטרירט אַרום צוויי אַספּעקטן: ייִדישע היסטאָריאָגראַפֿיע און העברע ייִדישע בילדונג אין משך פֿון די הונדערט יאָר. מחוץ דער צענטראַלער טעמע איז געווען דער רעפֿעראַט פֿון חיים גראַדע וועגן „יונג־ווילנע און איר סבֿיבֿה", וואָס איז געווען אַ הויכפּונקט פֿאַר זיך.

### גרויסע היסטאָרישע אַנטדעקונגען:

ד״ר צבֿי אַנקורי, פּראָפֿעסאָר פֿון ייִדישער געשיכטע אין קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט, האָט אין זײַן רעפֿעראַט אונטערגעשטראָכן, אַז ייִדישע היסטאָריאָגראַפֿיע אין משך פֿון לעצטן יאָרהונדערט איז געשטאַנען אונטערן צייכן פֿון גרויסע אַנטדעקונגען פֿון מקורים־מאַטעריאַלן וואָס האָבן אין גאַנצן געביטן דאָס בילד פֿון ייִדישן פֿאָלק דורך זײַן לאַנגער געשיכטע. צו ערשט האָבן די פּיאָנירן פֿון דער „וויסנשאַפֿט דעס יודענטומס" — צונץ, גײַגער, שטיינשנײַדער — אַנטדעקט אין גרויסע אייראָפּעיִשע ביבליאָטעקן און אַרכיוון גוואַלדיקע היסטאָרישע אוצרות: ליטעראַרישע, אַרכיוואַלע, כּתבֿ־ידן אין אַראַמיש, ייִדיש־אַראַביש, ייִדיש־פּערסיש א״אַנד, וואָס שטיינשנײַדער האָט רעגיסטרירט אין זײַנע באַרימטע קאַטאַלאָגן. נאָך דעם איז געקומען די אַנטדעקונג פֿון דער קאַיִרער גניזה (דורך שלמה שעכטער) וואָס האָט געוואָרפֿן אַ נײַ ליכט אויף דער געשיכטע און לעבן פֿון ייִדן אין מיטל־עלטער און אין דער נײַער צײַט, אין ארץ־ישׂראל און אין דער איסלאַמישער וועלט. נאָך דעם זײַנען געקומען די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין ארץ־ישׂראל אָנהייבנדיק פֿון דער צווייטער העלפֿט 19טן י״ה; די ביז גאָר וויכטיקע אויסגראָבונגען פֿון דער לעצטער צײַט (מסדה, חצור, א״אַנד), די מגילות פֿון ים־המלח אאַז״וו.

(המשך אויף ז׳ 2)

## סימפּאָזיום פֿון לערערס און סטודענטן וועגן חורבן

מאָנטאָג אָוונט, דעם 8טן מײַ, איז אין בנין פֿון ייִוואָ פֿאָרגעקומען, ווי אַ טייל פֿון דער 46סטער יערלעכער ייִוואָ־קאָנפֿערענץ, אַ סימפּאָזיום פֿון לערערס און סטודענטן וועגן אונדזער לעצטן חורבן. דעם פֿאָרזיץ האָט געפֿירט ד״ר איסמאַר שאָרש, געהילף־פּראָפֿעסאָר פֿון מאָדערנער ייִדישער געשיכטע אין ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר פֿון אַמעריקע. אין זײַן אַרײַנפֿיר־וואָרט האָט ד״ר שאָרש אָנגעוויזן, אַז די לעצטע עטלעכע יאָר באַמערקט זיך בײַ ייִדישע סטודענטן אַ פֿאַרשטאַרקטער אינטערעס צו שטודירן און צו פֿאַרשטיין אונדזער לעצטן חורבן.

ד״ר יצחק גרינבערג, הויפּט פֿון ייִדישע שטודיעס אין סיטי־קאַלעדזש, וואָס פֿירט זינט 1964 אַ קורס וועגן לעצטן חורבן אין ישיבֿה־אוניווערסיטעט, האָט גערעדט פֿון קוקווינקל פֿון אַ לערער: אַזאַ קורס קען נישט געפֿירט ווערן ווי אַ ריין אינפֿאָרמאַטיווער, אַקאַדעמישער לימוד. עס שווימען כּסדר אויף מאָראַלישע פּראָבלעמען (דער אויפֿפֿיר פֿון דײַטשן, דער אויפֿפֿיר פֿון אַ טייל ייִדן א״אַנד), די רעליגיעזע פּראָבלעם אאַז״וו. כּדי די סטודענטן זאָלן באַנעמען דעם חורבן, מוז דער קורס ווערן פֿאַר זיי אַן איבערלעבונג, נישט בלויז אַ סכום וויסן. דעריבער מוזן אין דעם קורס באַניצט ווערן אויך אַנדערע, אַחוץ אַקאַדעמישע מאַטעריאַלן, ווי פֿילמען, פּאָעזיע, גבֿית־עדותן, ברענגען אין קלאַס מענטשן וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם חורבן אד״גל. אין אַ געוויסער מאָס איז דאָס אַן אידעאַלער אַקאַדעמישער קורס, ווײַל ער פֿאַראייניקט אינטעלעקטועלע פֿאָדערונגען, קריטישע באַטראַכטונג, מאָראַלישע אָפּשאַצונג און אינדיווידועלע איבערלעבונג. ער שטעלט אויך אַוועק די אַלגעמיין מענטשלעכע פּראָבלעם: ווו איז די גרענעץ פֿון מינימום מענטשלעכקייט? — אַזאַ קורס דאַרף יעדער ייִד אַדורכ־

(המשך אויף ז׳ 2)



בײַ דער עפֿענונג פֿון דער 46סטער יערלעכער ייִוואָ־קאָנפֿערענץ. בײַם פּרעזידיום־טיש זיצן פֿון לינקס: שמואל לאַפּין, סעקרעטאַר פֿון ייִוואָ, חיים גראַדע, ד״ר שלמה מאָרגענבעסער, פֿאָרזיצער פֿון דער עפֿענונג־זיצונג, און די מיטגלידער פֿון דער ייִוואָ־פֿאַרוואַלטונג: יודל באָרענשטיין, פֿאָרזיצער, באָריס סמאָלאַר, מיטגליד פֿון פּרעזידיום, הענאָך מענדלסאָן, וויצעפֿאָרזיצער.

# סימפּאָזיום

(סוף פֿון ז׳ 1)

גיין, וואָרעם ער קען העלפֿן שאַפֿן די נאָרמעס פֿאַר ייִדישע ווערטן און ייִדיש לעבן.

פֿון קוקווינקל פֿון סטודענטן האָבן גערעדט:

דוד־הירש ראָסקעס, דאָקטאָראַנט פֿון ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור אין בראַנדייס, וואָס פֿאַרנעמט זיך שוין זינט יאָרן מיט פֿאַרשפּרייטן וויסיקייט וועגן חורבן צווישן ייִדישע סטודענטן. צו קענען שטודירן דעם חורבן, זאָגט ראָסקעס, ווענדט זיך אין דעם מיט וואָס פֿאַר אַ געפֿילן מען גייט צו צו דעם: ס׳האָט נישט קיין ממשות צו רעדן וועגן חורבן מיט מענטשן וואָס וויסן נישט וואָס פֿאַר אַ ציוויליזאַציע עס איז חרובֿ געוואָרן. ס׳איז נישט גענוג צו וויסן וועגן פֿענאָמען פֿון מאַסנמאָרד, ווען מען ווייסט גאָרנישט וועגן אינעווייניקסטן מהות דערפֿון. די חורבן־ליטעראַטור איז צו אַפּאָלאָגעטיש וועגן ווידערשטאַנד. ווידערשטאַנד איז געווען אַלץ וואָס ייִדן האָבן געטאָן כּדי זיך אַרומצורינגלען מיט אַ פּאַנצער קעגן טויט: לידער, טעאַטער, קאָנצערטן, הויז־קאָמיטעטן, הומאָר, ווערטלעך אאַז״וו. סימבאָלן פֿון חורבן דאַרפֿן ווערן אײַנגעגלידערט אין אונדזער לעבן.

אַרטור סאַמועלסאָן, אַ סטודענט פֿון האַמפּשיר־קאַלעדזש און אָנפֿירער פֿון דעם קאָלעדזש־פּראָיעקט „פּנים־אל־פּנים מיטן חורבן״, דערציילט ווי אַזוי ס׳איז געקומען צו דעם פּראָיעקט און וואָס ס׳איז זײַן ציל. דער האַמפּשיר־קאַלעדזש אין אַמהערסט, מאַס׳, איז אַן עקספּערימענטאַלער קאַלעדזש וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן ערשט מיט צוויי יאָר צוריק בשותּפֿות דורך אַ ריי אָנגעזעענע אוניווערסיטעטן און קאַלעדזשן אין שטאַט מאַסאַטשוזעטס. די סטודענטן קלײַבן אָפּ אינדיווידועל זייערע שטודיעס וואָס זיי פֿירן אַדורך אונטער דער השגחה פֿון לערערס. דאָס וואָס האָט אים געשטויסן צו דער פֿאָרשונג איז געווען דער ווילן צו זוכן די וואָרצלען פֿון זײַן טאַטנס דור, וואָס האָט אים אויסגעקוקט צו זײַן אויסגעוואָרצלט. דער דעקאַן האָט אַרויסגעוויזן גרויס פֿאַרשטענדעניש פֿאַרן פּראָיעקט און האָט תּיכּף געגעבן זײַן הסכּמה. די גרופּע באַשטייט פֿון אַכט סטודענטן, צווישן זיי — איין נישט־ייִדישע סטודענטקע. זיי אַרבעטן שוין עטלעכע חדשים אויפֿן פּראָיעקט. דאָס וואָס עס וואַרפֿט זיך אין די אויגן בײַ דער אַרבעט — איז די אומוויסיקייט פֿון יונגן דור, די דאָמינירונג אין דעם פֿעלד פֿון מענטשן מיט באַגרענעצטע פּערספּעקטיוון, דאָס פֿעלן פֿון פּאַסיקע לערערס און פּאַסיקן מאַטעריאַל און די פֿלאַכקייט פֿון אַ טייל מאַטעריאַל. דער ציל פֿון דער גרופּע איז צו פֿאַרשטיין דעם אַלגעמיינעם היסטאָרישן הינטערגרונט פֿון חורבן, צו דערגיין צו זײַנע וואָרצלען, צו זײַן פֿולן פֿאַרנעם און צו זײַנע שפּעטערדיקע אויסווירקונגען. אין קומענדיקן שולאָר וועלן זיי אָרגאַניזירן אַ צווישנדיסציפּלינאַרן קורס מיט יחיאל לאַנדעס פֿון סמיט־קאַלעדזש ווי דעם אינסטרוקטאָר און מיט עטלעכע פֿאַרבעטענע לעקטאָרן. צום סוף האָט אַ. סאַמועלסאָן צוגעגעבן אַז אין פֿינאַנצירן דעם פּראָיעקט באַטייליקט זיך דער קאַלעדזש ווי אויך אַ ריי ייִדישע אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן זיך גערן אָפּגערופֿן מיט זייער בײַשטײַער.

נאָך די רעפֿעראַטן איז פֿאָרגעקומען אַ לעבעדיקע דיסקוסיע. דער פֿאָרזיצער האָט געשלאָסן די זיצונג מיט דער באַמערקונג, אַז צו לערנען וועגן חורבן איז נייטיק אי סענסיטיווקייט אי וויסן. כּדי צו דערקענען ווי עס דאַרף צו זײַן דעם מהות פֿון חורבן, האָט ד״ר שאָרש ווײַטער געזאָגט, דאַרף מען אים נעמען אין קאָנטעקסט מיט דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע און אין פֿאַרגלײַך מיט די ייִדישע קאַטאַסטראָפֿעס אין די פֿאַרגאַנגענע צײַטן. יעדער דור האָט עפּעס אָפּגעלערנט פֿון די רדיפֿות אויף אים, אָבער קיין שום דור האָט נישט באַוויזן תּופֿס צו זײַן דעם פֿולן באַטײַט דערפֿון, צו דעם איז נייטיק אַ ווײַטערע היסטאָרישע פּערספּעקטיוו.

# אַ יאָרהונדערט ייִדישע וויסנשאַפֿט

(המשך פֿון ז׳ 1)

**ייִדישע היסטאָריאָגראַפֿיע אין רוסלאַנד און אין פּוילן:**

ד״ר ישעיה טרונק, היסטאָריקער און וויסנשאַפֿטלעכער מיטאַרבעטער פֿון ייִוואָ, האָט געגעבן אַ כּוללדיק בילד פֿון דער מאָדערנער ייִדישער היסטאָריאָגראַפֿיע אין רוסלאַנד, וואָס איר פּיאָניר איז געווען סערגיי בערשאַדסקי, גראָד אַ ניט־ייִד. אָבער איר אמתער אַרכיטעקט איז געווען שמעון דובנאָוו. נישט בלויז איז דובנאָוו געווען דער שאַפֿער פֿון אַ נײַעם סאָציאָלאָגישן צוגאַנג צו ייִדישער געשיכטע, נאָר אויך דער איניציאַטאָר פֿון קלײַבן אויף אַ סיסטעמאַטישן אופֿן מקורים־מאַטעריאַלן צו רוסיש־ייִדישער געשיכטע, אַ מיטגרינדער פֿון דער „ייִדישער היסטאָריש־עטנאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט״, דער רעדאַקטאָר פֿון וויכטיקן היסטאָרישן זשורנאַל יעוורייסקאַיאַ סטאַרינאַ, וווּ עס האָבן אויך געדרוקט זייערע היסטאָרישע אַרבעטן מ. ווינאַווער, מ. קולישער, מ. ווישניצער, ש. גינזבורג א״אַנד. ער איז אויך געווען דער מדריך פֿון אַ דור ייִנגערע היסטאָריקערס, ווי אליהו טשעריקאָווער א״אַנד.

צווישן די אָנגעזעענסטע ייִדישע היסטאָריקערס אין פּוילן אין דער נײַער צײַט זײַנען געווען: פּראָפֿ׳ מאיר באַלאַבאַן, דער עיקר אַ היסטאָריקער פֿון פּויליש־ייִדישע קהילות ווי קראָקע, לעמבערג, לובלין א״אַנד; יצחק שיפּער, וואָס האָט ספּעציעלע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער ייִדישער סאָציאַל־עקאָנאָמישער געשיכטע; די היסטאָריקערס פֿון ייִנגערן דור, ווי יעקבֿ שאַצקי, רפֿאל מאַהלער, עמנואל רינגעלבלום, פֿיליפּ פֿרידמאַן א״אַנד, וואָס האָבן דער עיקר זיך קאָנצענטרירט אויף דער סאָציאַלער געשיכטע און קולטור־געשיכטע. די לעצטע זײַנען געווען ענג פֿאַרבונדן מיט דער היסטאָרישער סעקציע פֿון ייִוואָ.

**הונדערט יאָר ייִדישע פֿאָלקלאָריסטיק:**

ד״ר דובֿ נוי, פּראָפֿעסאָר פֿון פֿאָלקלאָר און עטנאָגראַפֿיע אין ירושלימער אוניווערסיטעט, האָט אין זײַן רעפֿעראַט געגעבן אַ כּוללדיקן איבערבליק איבער די דערגרייכונגען פֿון דער ייִדישער פֿאָלקלאָריסטיק אין לעצטן יאָרהונדערט. שוין זינט 1872 האָבן זיך ספֿאָראַדישע אַרבעטן באַוויזן דאָ און דאָרט. אָבער די ערשטע וויכטיקע סיסטעמאַטישע זאַמלונג איז געווען איגנאַץ בערנשטיינס יודישע שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן (וואַרשע, 1898). אין דער זעלבער צײַט האָט אויך אָנגעהויבן אַרויסגיין אין האַמבורג מאַקס גרונוואַלדס זשורנאַל מיטטיילונגען פֿיר יודישע פֿאָלקסקונדע (דײַטש), וואָס האָט געבראַכט אויך אַ סך מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדישן פֿאָלקלאָר־מאַטעריאַל. אַ וויכטיקע דאַטע איז געווען דאָס יאָר 1901 ווען ש. גינזבורג און פּ. מאַרעק האָבן אַרויסגעגעבן זייער קלאַסישע זאַמלונג ייִדישע פֿאָלקסלידער און עס איז אויך דעמאָלט אַרויס מ. וואַרשאַווסקיס בוך לידער, וואָס זײַנען גאָר גיך דורכויס פֿאָלקלאָריזירט געוואָרן. אַ היסטאָרישער ווענדפּונקט איז געווען י. ל. כּהנס צווייבענדיק ווערק ייִדישע פֿאָלקסלידער מיט מעלאָדיען (1912), אַזוי אויך די עטנאָגראַפֿישע עקספּעדיציע אונטער דער אָנפֿירונג פֿון ש. אַנסקי (1912—1914), וואָס האָט אַרײַנגעבראַכט אַ שלל פֿאָלקלאָר־אוצרות נישט צום אָפּשאַצן. אינעם פּעריאָד 1920 — 1940 האָט דעם אויבנאָן פֿאַרנומען דער ייִוואָ אין ווילנע. זײַנע איבער 400 ענטוזיאַסטישע זאַמלערס איבער שטעט און שטעטלעך האָבן אַרײַנגעבראַכט אַ קאָלאָסאַלן אוצר — אַ זאַך וואָס האָט נישט אירס גלײַכן אין דער געשיכטע פֿון מאָדערנער פֿאָלקלאָר־זאַמלונג. אין דעם זעלבן פּעריאָד האָבן אויך אַ גרויסן צושטײַער געגעבן מיט זייער זאַמלאַרבעט: נח פּרילוצקי,

(סוף אויף ז׳ 6)